

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

תולדות
תשפ"ג לפ"ק
גליון רמ"ג

## פראגע

**איך האט געזאגט אז עס איז נישט גוט פאר א מענטש צו זיין צו "ביזי". איז דאס אן אויסדרוקליכער זאך פאר יעדן איינעם?**

## ענטפער:

עס איז נישט אויסדרוקליך אמת פאר יעדן. ווייל ווען א מענטש איז גייסטיש אומבאלאנסירט, ער האט געוויסע שטערונגען אין מח, דעמאלטס שטיפן מיר אים יא זיך צו האלטן פארנומען פאר'ן צוועק פון טעראפי, כדי ער זאל נישט האבן קיין צייט צו טראכטן; ווייל זיין טראכטן וועט אים בלויז העלפן חרוב מאכן זיין מח.

דערפאר דארף ער אוועקפירן זיינע מחשבות פון זיך צו אנדערע זאכן. וועגן דעם גיבט מען פאר מענטשן אלס טעראפי צו פארבן, קלעי, האלץ-ארבעט; מען גיבט זיי זאכן צו טון. אבער דאס איז נאר אין נישט קיין געזונטער מצב. כדי די מח זאל נישט האבן די פרייע צייט זיך אליינס צו צעבייסן דורך זעלבסט-פייניגונג, געבן מיר אים עפעס אנדערש צו טראכטן.

אבער א געזונטער מענטש מוז האבן פרייע צייט אלס באשטאנדטייל אין זיין לעבן, כדי צו קענען מצליח זיין. און וועגן דעם האט הקב"ה אונז געגעבן **שבת**. שבת – צי מען וויל צי נישט – דארף מען זיך **אפשטעלן**! און מיר האבן אביסל צייט צו טראכטן.

אודאי קען מען זיין פארנומען שבת אויך; מען איז פארנומען צו עסן, מען איז פארנומען צו לויפן אין שול, מען איז פארנומען אהיימצוגיין פון שול... אבער עס דארף בלייבן עפעס צייט צו טראכטן:

וואס איז די ציל פון די גאנצע וועלט? פארוואס ביזטו אויף דער וועלט? פארוואס האט דער באשעפער זיך געבאדערט צו באשאפן די וועלט? פארוואס האט ער באשאפן מענטשן? וואו קומען מיר אריין אין דער וועלט? וואס איז אונזער אויפגאבע דא? מען דארף טראכטן וועגן די זאכן. מען דארף טראכטן – צי ערפיל איך מיין פונקציע אויף דער וועלט? אדער אפשר גיי איך אויף די פארקערטע ריכטונג?

דעריבער האט אונז דער אויבערשטער געגעבן איין טאג אין די וואך ווען מיר דארפן אפלאזן אלע געוועלטליכע געשעפטן, און אזוי ארום וועט **אפשר** זיין האפענונג אז דער מענטש וועט אוועקגעבן אביסל צייט פון דעם טאג צו טראכטן.

## פראגע

**וואס איז די חילוק צווישן אן "עצל", א פוילער מענטש וועלכער ווערט קריטיקירט דורך חז"ל פאר'ן נישט ארבעטן, און א שמח בחלקו, איינער וואס איז צופרידן מיט זיין גורל, וועלכער ווערט אויסגעלויבט דורך חז"ל?**

## ענטפער:

א פוילער מענטש איז לאו דוקא צופרידן מיט זיין גורל, ער האט פשוט נישט די ענערגיע עס צו טוישן. אבער ער קען זיין היפש אומצופרידן! אין די ארימע געגנטער האסטו אסאך מענטשן וועלכע זענען נישט שמח בחלקם – זיי זענען זייער ברוגז אז זיי דארפן זיין ארעם; זיי רעדן זיך אפ אגאנצן צייט. זיי זענען אבער צו פויל, זיי זענען צו אומ'אחריות'דיג צו טון עפעס דערוועגן.

ווידעראום א שמח בחלקו איז א מענטש וואס האט היפש ענערגיע צו טון זאכן, אבער ער שפירט אז זיין גורל איז אזוי צופרידנשטעלנד אז עס איז נישט דא קיין געברויך עס צו טוישן. ער איז אייגנטליך צופרידן מיט זיין חלק!

**שואל: אבער לויט דעם אפטייטש, וועט א**

## מענטש קיינמאל נישט ווערן רייכער, ווייל אויב איז ער א שמח בחלקו, האט ער שוין אלעס וואס ער דארף?

**ענטפער:** ערשטנס כל, וואס איז דער פראבלעם אויב ער וועט נישט ווערן רייכער? אויב איז ער א שמח בחלקו איז ער שוין גענוג רייך. און צווייטנס, עס זענען דא גענוג מענטשן וואס נישט קיין חילוק ווי רייך זיי וועלן זיין, וועלן זיי קיינמאל נישט זיין פריילך. איז זיי וועלן זיין די מענטשן וועלכע וועלן נישט אויפהערן צו ארבעטן צו מאכן מער געלט – אייגנטליך איז כמעט יעדער אזוי.

## **שואל:** אבער דער שמח בחלקו וועט קיינמאל נישט ארבעטן שווערער, ער וועט נישט זוכן קיין געלעגנהייטן צו מאכן מער געלט, ריכטיג? אויב אזוי וועט ער קיינמאל נישט ווערן רייך?

**ענטפער:** ווער זאגט אז עס איז א מצוה צו ווערן רייך? עס איז נישט אזוי געפערליך. אויב וויל ער נישט ווערן רייך, אויב איז ער גליקליך, לאז אים בלייבן אזוי. און צווייטנס, צומאל ווערט א מענטש רייך אפילו אן פרובירן, אזוינס פאסירט אויך.

## **שואל:** איז איר האלט אז עס זענען דא רייכע מענטשן וואס זענען נישט שמח בחלקם?

**ענטפער:** איך האלט אז אלע פון זיי זענען נישט. און אלע ארימע מענטשן זענען אויך נישט שמח בחלקם. קיינער איז נישט שמח בחלקו. נאר גאר א גרויסער מענטש וועט צוגעוואוינען זיין מח צו טראכטן די ריכטיגע מחשבות און מאכן א מח וואס איז אמת'דיג גליקליך מיט זיין חלק. עס פארלאנגט ארבעט! מען דארף זיין א גאר ספעציעלער מענטש, און עס זענען דא ווייניג אזעלכע מענטשן. (R-22)

## פראגע

## וויאזוי קען א מענטש וויסן אויב ער גיבט אוועק צופיל צייט פאר פרנסה, אנשטאט לערנען תורה?

## ענטפער:

אויב איך וואלט געקענט ענטפערן די פראגע, וואלט איך געווארן א מיליאנער... איך וואלט געעפנט אן אפיס, ווייל זייער אסאך מענטשן האבן מיר שוין געפרעגט די שאלה אין לויף פון די יארן.

עס איז אוממעגליך צו וויסן. די איינציגסטע זאך וואס איך ווייס איז אז בנוגע וואס צו טון וועגן די פראגע ווענד זיך אין אייך. אויב איר ווייסט וואס צו טון מיט אייער צייט, דאן גייט איר אנהייבן אראפצוכאפן אביסל צייט צו לערנען. סיי-ווען איר קענט, וועט איר כאפן נאך אביסל.

לאמיר זאגן אז איר האט א שטרעבונג צו ווערן א כולל-אינגערמאן. א מענטש האט מיר געזאגט אז ער וואלט געוואלט ווערן א כולל-איד; ער טראכט וועגן אויפגעבן זיין דזשאב און ווערן א כולל-אינגערמאן. האב איך אים געזאגט, "דו דארפסט נישט אויפגעבן דיין דזשאב; דו קענסט ווערן קודם זונטאג א כולל-איד. דו ארבעטסט נישט זונטאג. איז זונטאג צופרי נעם דיר מיט א 'לאנטש', זאג א גוטן טאג פאר דיין ווייב און קום נישט צוריק ביז זונטאג נאכט. דו ביזט א כולל אינגערמאן אגאנצן טאג, און עס וועט נישט שטערן דיין פרנסה."

דאס איז געווען יארן צוריק; ער האט עס נאך אלץ נישט געטון...!

ווייל ער האט נישט באמת געוואלט ווערן א כולל-אינגערמאן; וואס ער האט געוואלט איז – נישט ארבעטן!

אבער אויב איינער איז ערנסט און ער פאלגט אויס די עצה, ווערט ער זונטאג א כולל אינגערמאן. וואס מיינט, דורכאויס דעם גאנצן יאר, יעדן זונטאג איז ער אין כולל. ער זיצט נישט ביים רעדל פון זיין קאר; ער איז אין כולל יעדן זונטאג. און ער קומט נישט אהיים פאר שפעט אין אווענט, יעדן זונטאג, א גאנצן יאר.

יעצט זיין ווייב וועט פראטעסטירן, "וואס טוט זיך מיט מיר?"

טא, צי וויל זי האבן א כולל מאן אדער נישט? איר דארפט אפמאכן ביי זיך אז דאס איז וואס איר ווילט.

אויב א מענטש וויל, קען ער אויך אנהייבן צו ווערן א כולל אינגערמאן ביינאכט. ער גייט ארויס יעדע נאכט לערנען. און נאך א שטיק צייט זאגט דער באשעפער, "דער מענטש וויל האבן מער צייט צו לערנען תורה, איז **המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ"** – מען פארגרינגערט אים פון די יאך פון ארבעטן אזוי סך פאר זיין פרנסה.

און עס איז איבערראשענד אבער ס'איז אמת – מען טרעפט היינט מענטשן וועלכע נוצן אויס א חלק פון זייער טאג, יעדן טאג, אין כולל. אבער דאס איז א זכי' וואס מען דארפן פארדינען דורכ'ן קודם אויסנוצן יעדע צייט וואס ליגט יא ביי דיר. (# 408)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com



דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




**בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק**

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

**אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com**

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק











צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב